בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חִיזוק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דורְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת דְּבָרִים

תשפ"א

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי בְּלַייבְּט מֶען מִיט דִי חֵשֶׁק צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?.....א

אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ הָאבְּן אוֹיף אַ קֶעמְעֶרֶע ווִידִיאָ אוּן וַוייפַיי?...ד

מֶעג מֶען זִיךְ בְּרָאטְן אוּנְטֶער דִי זוּן אוּם שַׁבָּת?........................ה

אוֹיף וֶועלְכֶע הֶכְשֵׁרִים קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְלָאזְן בַּיי גֶעטְרַאנְקֶען?....ו

מֶעג מֶען עֶסְן שַׁבָּת רוֹיטֶע אֵייסֶעס צוּ מַאכְן רוֹיט דִי לִיפְּן? ........ט

זָאל מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת פַאר דִי עֶלְטֶערְן?............י

מַיין וַוייבּ אִיז גֶעטְשֶׁעפֶּעט גֶעוָוארְן אַלְס מֵיידְל,
וָואס טוּט מֶען יֶעצְט?.......................................................... יג

מֶעג מֶען אָנְטוּן דֶענִים דְזְשִׁינְס קְלֵיידֶער פַאר קִינְדֶער?........... טז

אַז אִיךְ פָאר אוֹיף אוּמַאן, וֶועט דָאךְ יֶעדֶער ווִיסְן
אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר?..........................................................יח

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בִּיז מַיין שִׁידוּךְ קוּמְט אָן? ........כ

אַ תְּפִלָּה אָן טְרֶערְן, וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן? ........כב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת


זַייט מְקָרֵב דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חַבֶר'טֶעס ..........א

אִיךְ הֶער בָּרוּךְ הַשֵׁם זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן פוּן קֶעמְפּ......................ב

אוּנְזֶער תִּיקוּן אִיז צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס
עֵצוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט.............................................................ב

מִיטְ'ן הֶעלְפְן, הֶעלְפְט מֶען זִיךְ אַלֵיין....................................ג

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ מֶעסְט זִיךְ אִיז זַיין גוּטְן וִוילְן .......ד

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פַאר אַ מֵיידְל וִוי הֶעלְפְן דִי מַאמֶע ..ה

הֲפָצָה טָאר נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער .....ה

אַ שִׁידוּךְ קוּמְט אָן פְּלוּצְלִינְג .............................................ז

נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אַז דִי וַוייבּ אִיז מַסְכִּים עֶר
זָאל פָארְן קַיין אוּמַאן ...........................................................ז

נָאךְ חֲצוֹת טָאר מֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית ......................ח

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיסוּר יִחוּד ......................ט

דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן פוּן בְּרֶסְלֶב אִינֶעם מוֹסָד .......... יא

זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.................................. יא

אַ גוּט וָוארְט קֶען רַאטֶעוֶועז אַ מֶענְטְשׁ..........................יב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וִוי אַזוֹי בְּלַייבְּט מֶען מִיט דִי חֵשֶׁק צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יָארְן צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּ דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִויסְנְדִיג אַז נָאר אִין דֶעם לִיגְט מַיין יְשׁוּעָה.

מִיט דִי צַייט בִּין אִיךְ אָבֶּער גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דֶעם, וַוייל אִיךְ זֶע אַז נִישְׁט אַלְץ קוּמְט אָן דִי יְשׁוּעָה וָואס אִיךְ דַארְף; אִיךְ קֶען בֶּעטְן אוֹיף אַ זַאךְ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, גָאר אַסַאךְ מָאל, אוּן דִי יְשׁוּעָה קוּמְט נִישְׁט אָן. אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייבּ אַז קַיין אֵיין תְּפִלָּה גֵייט נִישְׁט לְאִיבּוּד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נוּצְט עֶס פַאר וִויכְטִיגֶערֶע זַאכְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה מַאכְט דָאס שְׁוֶוערֶער דָאס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אִיךְ דַארְף דָאךְ יֶעצְט דִי יְשׁוּעָה אוֹיף וָואס אִיךְ וַוארְט.

לָאמִיר עֶס מַסְבִּיר זַיין מִיט אַ מָשָׁל, אַז אֵיינֶער זָאל מִיר זָאגְן אַז אוֹיבּ אִיךְ שְׁלֶעפּ אַ רִיזְן הוֹיפְן צִיגְל וֶועט עֶר מִיר צָאלְן פַאר דֶעם גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, וָואלְט אִיךְ גֶעלָאפְן עֶס טוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער. אָבֶּער וֶוען עֶר הֵייבְּט מִיר אָן זָאגְן אַז עֶר גֵייט מִיר נָאר צָאלְן יֶעדֶע צְוָואנְצִיגְסְטֶע אָדֶער דְרַייסִיגְסְטֶע מָאל וָואס אִיךְ שְׁלֶעפּ עֶס, אוּן עֶס קֶען זַיין עֶר וֶועט מִיר אִיגְנָארִירְן, אוּן עֶס קֶען זַיין עֶר וֶועט עֶרְשְׁט צָאלְן אַ יָאר אַרוּם, אָדֶער וֶועט עֶר מִיר טוּן אַנְדֶערֶע טוֹבוֹת אַנְשְׁטָאט דֶעם; דַאן פַארְלִירְט מֶען שׁוֹין דִי חֵשֶׁק פוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

אִיךְ זוּךְ נִישְׁט צוּ זָאגְן מְשָׁלִים אוּן תּוֹרוֹת, אִיךְ וִויל אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען מַיינֶע סְפֵיקוֹת אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן. אִין אָנְהֵייב וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן דִי יְשׁוּעָה אִיז שׁוֹין אוֹיפְ'ן וֶועג, הָאבּ אִיךְ עֶס גֶעטוּן מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק, אָבֶּער אַז אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט, פַארְלִיר אִיךְ דִי חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק אִין דֶעם.

אִיךְ רֶעד נָאךְ וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער צוּרִיק אָנְצִינְדְן אִין מִיר דִי אָרְגִינֶעלֶע חֵשֶׁק וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אִין דֶעם, וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה, וַוייל וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, אִין מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר'; דֶעמָאלְט רֶעדְט זִיךְ פוּן זִיךְ אַלֵיינְס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי מֶען שְׁלֶעפְּט צִיגְל, דֶעמָאלְט אִיז דֶער מָשָׁל נִישְׁט דוֹמֶה צוּם נִמְשָׁל.

רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט אַזוֹי וִוי אָטֶעמֶען; אַזוֹי וִוי קֵיינֶער עֶרְוַוארְט נִישְׁט עֶר זָאל בַּאקוּמֶען אַ יְשׁוּעָה וֶוען עֶר אָטֶעמְט, מֶען עֶרְוַוארְט נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס בַּיים אָטֶעמֶען, יֶעדֶע אָטֶעם אִיז אַ חֵלֶק פוּן לֶעבְּן; אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְט דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ חֵלֶק פוּן לֶעבְּן, מֶען וִויל שׁוֹין גָארְנִישְׁט, מֶען וִויל נָאר זַיין דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וִויל זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, מֶען זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען רֶעדְן צוּ זַיין חַבֵר לַאנְגֶע שָׁעוֹת פוּן כָּל מִינֵי זַאכְן, עַל דָא וְעַל הָא, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען עֶר נִישְׁט עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אַרוֹיס צוּ זָאגְן אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט; דָאס קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט אִים נִישְׁט, מֶען שְׁפִּירְט וִוי 'קֵיינֶער הֶערְט מִיר נִישְׁט אוֹיס' -

דָאס מַאכְט עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִילָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִילָּה, וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעוִוויסְט בַּיי זִיךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים בִּשְׁעַת עֶר דַאוֶוענְט אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר בֶּעט, וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעדַאוֶוענְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן עֶר וָואלְט מְכַוֵּון גֶעוֶוען יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע וָוארְט וִוי אַזוֹי עֶר זָאגְט עֶס אַרוֹיס, אָבֶּער אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - דֶעמָאלְט הֵייבְּט עֶר אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נִישְׁט צוּהֶערְן מַיינֶע תְּפִילּוֹת', אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לָאָדָם", דִי עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט - בְּרֶענְגֶען אַרַיין אִין אִים שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה נט, ב): "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם, וְחַטֹּאותֵיכֶם הִסְתִּירוּ פָנִים מִכֶּם מִשְּׁמוֹעַ", אַייעֶרֶע עֲבֵירוֹת טֵיילְן אָפּ צְוִוישְׁן אַייךְ אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶּער; דָאס מַאכְט עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מִיט׳ן מֶענְטְשׁ.

דִי עֵצָה אִיז מֶען זָאל בֶּעטְן אוֹיף דֶעם; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אֱמוּנָה, זָאג אִים דִי וֶוערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ וִויל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ וִויל דִיר שְׁפִּירְן, אִיךְ וִויל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס מִיט מֶענְטְשְׁן קֶען אִיךְ רֶעדְן, אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק אַזוֹיפִיל שָׁעָה צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּ דִיר - גֵייט מִיר דָאס אַזוֹי שְׁוֶוער, פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִיר? אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט דָא מִיט מִיר, אִיךְ וִויל דִיר זֶען, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דִיר".

דִי וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל בִּיז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן

שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן דִיר און הֶערְט דִיר אוֹיס, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ מֶער נִישְׁט שְׁפִּירְן וִוי דוּ שְׁלֶעפְּסְט שְׁוֶוערֶע צִיגְל וְכוּ׳, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַ זִיסֶע און גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם אִין דַיין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ הָאבְּן אוֹיף אַ קֶעמְעֶרע ווִידִיאָ און וֵוייפֵיי?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע קֶעמְפּ, עֶס אִיז מַמָּשׁ גַן עֵדֶן דָא.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ הָאבְּן אוֹיף דִי קֶעמְעֶרע ווִידִיאָ און וֵוייפֵיי?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה מַחֲנֶה בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער נִישְׁט צוּ הָאבְּן וֵוייפֵיי און ווִידִיאָ אוֹיף דִי קֶעמְעֶרע, אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

וָואס אִיר דַארְפְט - בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים. דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## מֶעג מֶען זִיךְ בְּרָאטְן אוּנְטֶער דִי זוּן אוּם שַׁבָּת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע קֶעמְפּ בֵּית פֵּיגָא, עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין דָא זוּמֶער, אַלֶע מֵיידְלֶעךְ לֶעבְּן בְּאַחְדוּת, מֶען שְׁפִּילְט אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְגְט אִינְאֵיינֶעם, מֶען טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ נִישְׁט אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג זִיצְן אוּם שַׁבָּת אוּנְטֶער דִי זוּן, זִיךְ אָפְּצוּבְּרָאטְן פוּן דִי זוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן וִוי אִיר הָאט הֲנָאָה אִין קֶעמְפּ; אַלֶע מֵיידְלֶעךְ לֶעבְּן בְּאַחְדוּת, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט, מֶען טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ נִישְׁט, מֶען הֶעלְפְּט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע אוֹיבּ מֶען מֶעג שַׁבָּת קוֹדֶשׁ זִיצְן אוּנְטֶערְן זוּן זִיךְ אָפְּצוּבְּרָאטְן דִי פָּנִים וְכוּ׳; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ פַארְוָואס מֶען וִויל זַיין אוּנְטֶערְן זוּן, אוֹיבּ מֶען הָאט אִינְזִין צוּ בַּאקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע קָאלִיר, מֶען וִויל וֶוערְן רוֹיט, בְּרוֹין, שְׁוַוארְץ - אִיז אָסוּר (עַיֵּין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת מִנְחַת יִצְחָק חֵלֶק ה׳, סִימָן לב). אוֹיבּ וִויל מֶען זַיין אוּנְטֶערְן זוּן, מֶען הָאט הֲנָאָה פוּן זִיצְן אוּנְטֶער דִי זוּן - אִיז יָא מֻתָּר, אָבֶער מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט זִיךְ צוּ שְׁמִירְן, וַוייל שַׁבָּת טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁמִירְן.

זֶעט אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט שַׁבָּת מִיט זָאגְן תְּהִלִּים; אוֹיבּ דוּרְכְ׳ן וָואךְ אִיז מֶען נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זָאגְן תְּהִלִּים - אִיז שַׁבָּת אַ גוּטֶע צַייט צוּ עֶנְדִיגְן תְּהִלִּים. שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קְלֵיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ קֶענֶען אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אוֹיף וֶועלְכֶע הֶכְשֵׁרִים קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְלָאזְן בַּיי גֶעטְרַאנְקֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אַ קְלֵיינִיקֵייט. מַיין שְׁוֶוער טְרוּנְקְט נָאר גֶעטְרַאנְקֶען מִיט אַ הֶכְשֵׁר, אָבֶּער מַיין טַאטֶע קוֹיפְט אוֹיךְ אַנְדֶערֶע סָארְט גֶעטְרַאנְקֶען, ווִי לַאנְג עֶס אִיז אוֹיפְ'ן לִיסְטֶע פוּן דִי אָה-יוּ (OU) אוּן דָאס גְלַייכְן; ווִי אַזוֹי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ פִירְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ'ן מִיר גֶעבְּן זְהִירוּת אִין דִי זַאכְן וָואס זֶענֶען חוֹמֶר'דִיגֶע סְיָגִים, וָואס בְּלַייבְּט פַאר דוֹרוֹת.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווָאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ פְּרֶעגְסְט אַלֶע דַיינֶע סְפֵיקוֹת יֶעצְט וֶוען דוּ שְׁטֶעלְסְט אוֹיף דַיין שְׁטוּבּ, דוּ ווִילְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ הֶכְשֵׁרִים וָואס מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ.

בְּנוֹגֵעַ דִי הֶכְשֵׁר אָה-יוּ; גֶעבּ אַ קוּק אַ בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל (אִידִישׁ חֵלֶק ה׳, מִכְתָּב תקפג):

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יוֹם ג׳ לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב, כ׳ כִּסְלֵיו ה׳תשע״ג.

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, הַיינְט קֶען מֶען קוֹיפְן אַלֶע כָּשֵׁר׳ע פְּרָאדוּקְטְן מִיט דִי בֶּעסְטֶע הֶכְשֵׁר, פַארְוָואס דַארְף מֶען קוֹיפְן מִיט אַ מְפוּקְפָּק׳דִיגֶע הֶכְשֵׁר? מִיט אַן אָה-יוּ, אֲפִילוּ סָאדֶע אִיז אוֹיךְ

נִישְׁט גְלַייךְ צוּ טְרִינְקֶען מִיט זֵייעֶר הֶכְשֵׁר וֶוען עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע גוּטֶע הֶכְשֵׁרִים פוּן הֵיימִישֶׁע עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וְוִיפִיל מָאל אִיךְ דַארְף רֶעדְן פוּן דֶעם אוּן שְׁרַייבְּן פוּן דֶעם וְכוּ׳, וָואס מַאכְט מֶען דַוְקָא לְהַכְעִיס? צוּ דֶערְצֶערְעֶנֶען אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ס"ב) אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן יֶעדְן מַאֲכָל וָואס עֶס הָאט אִין זִיךְ אַ סְפֵק סְפֵיקָא פוּן אַן אִיסוּר, וָואס דָאס הֵייסְט אַ מַאֲכָל שֶׁלֹּא נִתְבָּרֵר, פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט, סְ׳אִיז נָאכְנִישְׁט נִתְבָּרֵר גֶעוָוארְן אוֹיבּ סְ׳אִיז אִינְגַאנְצְן כָּשֵׁר, דָאס הֵייסְט בֵּירוּר הַמַּאֲכָלִים וְכוּ׳, דֶעמָאלְט וֶוען אַ אִיד גִיט אַכְטוּנְג וָואס עֶר עֶסְט אוּן וָואס עֶר טְרִינְקְט זָאל הָאבְּן אַן הֵיימִישְׁן הֶכְשֵׁר פוּן עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים יִרְאֵי הַשֵּׁם דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה אַז פוּן זַיין עֶסְן וֶוערְט אַ יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ דַארְף פוּן דֶעם אַזוֹיפִיל רֶעדְן, הַיינְטִיגֶע צַייטְן קֶען מֶען גְרִינְג נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, נָאר וֶועגְן קַאלְטְקֵייט וְכוּ׳ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז קַאלְט וְוִי אַייז צוּ אַ מִצְוָה, וָואס דָאס אִיז קְלִיפַּת עֲמָלֵק, וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי אִים (דְּבָרִים כ"ה, י"ח) "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ" עֶר קִילְט אָפּ פוּן אִידִישְׁקֵייט, וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ אַגָּדָה) וֶוען אִידְן זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יַם סוּף הָאבְּן אַלֶע אוּמוֹת הָעוֹלָם אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ שְׁרֶעקְן פוּן דִי אִידְן, בִּיז סְ׳אִיז גֶעקוּמֶען עֲמָלֵק אוּן עֶר הָאט אַלֶעמֶען אָפְּגֶעקִילְט, אוּן זֵיי גְלַייכְן אִים צוּ, צוּ יֶענֶער עַזּוּת פָּנִים, סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַן הֵייסֶע בָּאד אוּן אַלֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אוּן דֶער עַזּוּת פָּנִים הָאט אַרַיינְגֶעטַאנְצְט אִין דִי קָאכֶעדִיגֶע בָּאד אוּן בַּאוִויזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען קֶען יָא אָפְּקִילְן, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער גַאנְצֶער קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק׳ן אִיז אָפְּקִילְן אַ אִיד פוּן וַוארִימְקֵייט, אֲפִילוּ אַזַא קְלֵיינֶע זַאךְ וֶוען מֶען קֶען קוֹיפְן סָאדֶע מִיט כָּשֵׁר׳ע הֶכְשֵׁרִים, וָואס דַארְף מֶען קוֹיפְן סָאדֶע מִיט מְפוּקְפָּק׳דִיגֶע הֶכְשֵׁרִים? עֶס אַזֵי בַּאוואוּסְט דָאס גֶעטְרַאנְק "קָאקָא קָאלֶע" אוּן "פֶּעפְּסִי קָאלֶע" הָאט נִישְׁט אִין אַמֶערִיקֶע קַיין שׁוּם הֶכְשֵׁר נָאר אָהּ-יוּ, נָאר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט דָאס אַן הֶכְשֵׁר פוּן בַּדַ"ץ עֵדָה הַחֲרֵדִית אוּן פוּן הָרַב לָאנְדָא, אָבֶער דָא אִין אַמֶערִיקֶע הָאט דָאס קַיין שׁוּם הֶכְשֵׁר נִישְׁט נָאר

פון אָהּ יָא, אִיז וָואס דַארְף מֶען דָאס טְרִינְקֶן? מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאגֶעגִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע עֶרְלֵיי סָאדֶע? וָואס הָאבְּן יָא אַ גוּטְן עֶרְלִיכְן הֶכְשֵׁר? וְכוּ', אִיךְ גֶעב נָאר דָאס אַ בֵּיישְׁפִּיל וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַרְבֶּעט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַבִּי אִים אָפְּצוּקִילְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם עֶר אִיז דֶער שַׂר פוּן עֲמָלֵק'ן, אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט דָאס אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין הַארְץ אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי קַאלְטְקֵייט אִין אִידִישְׁקֵייט, דָאס אִיז קְלִיפַּת עֲמָלֵק וָואס סְ'קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אִידִישְׁקֵייט.

אַדְרַבָּה מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דָאס אִיז אַלֵיין אַ מִלְחָמָה אַקֶעגְן עֲמָלֵק, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ח.) "לְךָ הֲוָיָ"ה הַמַּמְלָכָה" זוּ מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק; מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז מְגַלֶּה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיט דֶעם אַלֵיין אִיז מֶען מַכְנִיעַ עֲמָלֵק'ן וָואס עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן עֶר מַאכְט קַאלְט דֶעם אִיד, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוּאֵל, י"ב) "לֵץ תַּכֶּה" זֶה עֲמָלֵק; דֶער גַאנְצֶער עֲמָלֵק אִיז גֶעוֶוען נָאר לֵיצָנוּת, אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן פוּן אִידִישֶׁע מִנְהָגִים, אוּן דֶעם עֲמָלֵק מוּזְן מִיר אוֹיסְרַייסְן אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל פוּן זִיךְ, אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט דַארְפְן מֶער פוּן דֶעם רֶעדְן, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן שְׁרַייבְּן.

זָאלְסְט וִויסְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶועג אִיז נָאר תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַן אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנ"ד) אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט וִוי אַ פְּרַאסְטִיק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ זָאל וִויסְן אִין דֶער יוּגְנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרַאסְט אִידִישׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר

הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דִּי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי אַ פְּרַאסְטֶער פָּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶעג מֶען עֶסְן שַׁבָּת רוֹיטֶע אֵייסֶעס צוּ מַאכְן רוֹיט דִי לִיפְּן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' דָא אִין קֶעמְפּ, מִיר הָאבְּן אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע חָשׁוּבְ'עֶ קַאוּנְסְלֶערְס וָואס לֶערְנֶען אוּנְז אַזֶעלְכֶע גוּטֶע זַאכְן פַאר'ן לֶעבְּן, אוּן עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק דָא יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג.

אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג עֶסְן אוּם שַׁבָּת אַ רוֹיטֶע אֵייסֶעס, מִיטְ'ן צִיל אַז עֶס זָאל מַאכְן מַיינֶע לִיפְּן אוֹיסְזֶען שְׁטַארְק רוֹיט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק**

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט צוּפְרִידְן אִין קֶעמְפּ, אִיר זֶענְט צוּפְרִידְן פוּן דִי קַאוּנְסְלֶערְס, אִיר לֶערְנְט זִיךְ שֵׁיינֶע זַאכְן פַאר'ן לֶעבְּן.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר פְרַאגֶע, אוֹיבּ מֶען מֶעג עֶסְן שַׁבָּת אַ רוֹיטֶע אֵייסֶעס זִיךְ צוּ מַאכְן רוֹיט דִי לִיפְּן עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן אַזוֹי וִוי מֶעיקְאָפּ; עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה (אוֹרַח חַיִּים סִימָן שג, סְעִיף כה): "אָסוּר לְאִשָּׁה שֶׁתַּעֲבִיר בְּשַׁבָּת סְרָק עַל פָּנֶיהָ מִשּׁוּם צוֹבֵעַ, וּמִטַּעַם זֶה אֲסוּרָה לִכְחוֹל בְּשַׁבָּת, וּמִטַּעַם זֶה אֲסוּרָה לָטוּחַ עַל פָּנֶיהָ בָּצֵק וּכְשֶׁנָּטְלָתוֹ מַאֲדִים הַבָּשָׂר", מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט שְׁמִירְן דִי פָּנִים שַׁבָּת, שְׁמִירְן דִי פָּנִים אִיז פוּן דִי ל"ט מְלָאכוֹת וָואס אִיז אָסוּר אוּם שַׁבָּת;

דֶערִיבֶּער, אוֹיב מֶען עֶסְט דִי אֵייסֶעס מִיטְ'ן צִיל זִיךְ צוּ פַארְבְּן דִי לִיפְּן - אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם. אוֹיב מֶען עֶסְט אַ זַאךְ וָואס לָאזְט אִיבֶּער אַ קָאלִיר אוּן מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין זִיךְ צוּ פַארְבְּן - אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט דַארְפְן דִי זַאכְן, אִיר זָאלְט הָאבְּן נאטוּרְלִיכֶע חֵן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חֵן, סִימָן ו): "כְּשֶׁתַּעֲבִיר עַל מִדּוֹתֶיךָ, תִּמְצָא חֵן", אַז מֶען גֶעבְּט נָאךְ, מֶען זוּכְט נִישְׁט אוֹיסְצוּפִירְן, מֶען פַארְטְרָאגְט זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם - דֶעמָאלְט הָאט מֶען חֵן; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן ד): "וְיִשְׁמֹר אֶת פִּיו מִדִּבּוּר אָסוּר", אַז מֶען רֶעדְט נָאר גוּטֶע זַאכְן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה, מֶען רֶעדְט נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַנְדֶערֶע - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ חֵן; דֶעמָאלְט דַארְף מֶען נִישְׁט שְׁמִירְן דִי לִיפְּן אוּן דִי אוֹיגְן, מֶען הָאט חֵן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זָאל מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת פַאר דִי עֶלְטֶערְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ הֶערְן יֶעדֶע שִׁיעוּר פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן זִיךְ פִירְן לוֹיט דִי הַדְרָכוֹת וָואס אִיךְ הֶער, דָאס גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן אוּן עֵצוֹת אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט.

מַיין שְׁוֶוער קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף דֶעם שַׁבָּת; גֶעוֶוענְלִיךְ פִיר אִיךְ זִיךְ אַז וֶוען עֶר קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף שַׁבָּת גֶעב אִיךְ אִים אִיבֶּער צוּ פִירְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת, אָבֶּער יֶעצְט הָאב אִיךְ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מֶען קֶען אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט, אָבֶּער נָאר ווִילַאנְג דֶער בַּעַל הַבַּיִת פִירְט דִי סְעוּדָה, נִישְׁט וֶוען דִי גֶעסְט נֶעמֶען אִיבֶּער דֶעם טִישׁ, אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיב דָאס גֵייט אוֹיךְ אָן בַּיי עֶלְטֶערְן.

דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיף אַלֶע דֶעטַאלְן, אוֹיב זֵיי צוּ זֶעצְן אוֹיבְן אָן, זֵיי זָאלְן מַאכְן קִידּוּשׁ, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער מִיט אַלֶע כִּבּוּדִים, אוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע פוּן אַלֶעס אִיז אוֹיב זֵיי צוּ לָאזְן פִירְן דִי שְׁמוּעֶסְן בַּיים טִישׁ. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ רֶעד פוּן עֶרְלִיכֶע ווּאוֹילֶע אִידְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען עֶלְטֶערְן קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ - גֶעבְּט מֶען זֵיי אַלֶעס אִיבֶּער; מֶען גֶעבְּט זֵיי דִי גַאנְצֶע כָּבוֹד, דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע פְּלַאץ, דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע שְׁטוּבּ, דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע בֶּעט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

בַּיים טִישׁ בַּיי דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת זֶעצְט מֶען דֶעם טַאטְן אָדֶער שְׁוֶוער בַּיים אוֹיבְן אָן, זֵיי מַאכְן צוּם עֶרְשְׁטְ קִידּוּשׁ, אוּן בַּיי דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס נָאר דֶער רֹאשׁ הַמִּשְׁפָּחָה מַאכְט קִידּוּשׁ גֶעבְּט מֶען דָאס אִיבֶּער פַאר דִי טַאטֶע אָדֶער שְׁוֶוער, זֵיי פִירְן דִי סְעוּדָה.

דָאס וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי סְעוּדָה פַאר גֶעסְט - רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן עֶלְטֶערְן, מֶען רֶעדְט וֶוען מֶען נֶעמְט גֶעסְט עַמֵּי הָאֲרָצִים וָואס מַאכְן פוּן דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדָה אַ מוֹשַׁב לֵצִים, עֶס גֵייט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע יִרְאַת שָׁמַיִם - פוּן דֶעם דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן זֶען עֶס זָאל בְּלַייבְּן אַ צוּרָה פוּן אַ שַׁבָּת סְעוּדָה; זִינְגֶען זְמִירוֹת, רֶעדְן שֵׁיינֶע זַאכְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן שִׂמְחָה וְכוּ׳.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר דֶערְצֵיילְט (יִתְרוֹ, פּד.): ״רַבִּי אַבָּא כַּד הֲוָה יָתִיב בִּסְעוּדָתָא דְשַׁבְּתָא הֲוָה חָדֵי בְּכָל חַד וְחַד״, דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי אַבָּא וֶוען עֶר פְּלֶעגְט מַאכְן דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדָה אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, ״רַבִּי שִׁמְעוֹן כַּד הֲוָה אָתֵי לִסְעוּדָתָא״, דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה, ״הֲוָה אָמַר הָכִי״, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַזוֹי: ״אַתְקִינוּ סְעוּדָתָא דִמְהֵימְנוּתָא עִלָּאָה״, לָאמִיר מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע סְעוּדָה וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, ״אַתְקִינוּ סְעוּדָתֵיהּ דְּמַלְכָּא״, לָאמִיר מַאכְן אַ סְעוּדָה פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וַהֲוָה יָתִיב וְחַדֵי״, עֶר אִיז גֶעזִיצְן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט בַּיי דִי סְעוּדָה; קוּק אַרַיין דִי שְׁטִיקְל זוֹהַר וָואס מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן בַּיי דִי סְעוּדָה, וואוּ עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, וִוי אַזוֹי

די הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים פְּלֶעגְן עֶסְן די שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת; זֵיי זֶענֶען גֶעזִיצְן בַּיי די סְעוּדוֹת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְרֵייד, וַוייל די סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִיז מַשְׁפִּיעַ אֱמוּנָה פַאר זִיךְ, פַאר די שְׁטוּבּ און פַאר די קִינְדֶער.

דָאס וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בַּיים שִׁיעוּר, דָאס מֵיינְט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן וָואס עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט כְּסֵדֶר אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען גֶעסְט פון בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ קוּמֶען עֶסְן בַּיי אִים, בִּיז אֵיין וָואךְ הָאט עֶר גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה מִיט זַיין זוּן, דֶער זוּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיטְהַאלְטְן די סְעוּדָה וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן נֶעבְּן דֶעם גַאסְט וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, דֶער גַאסְט אִיז גֶעוֶוען אַ נָאכְגֶעלָאזְטֶער, עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען פון אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וְכוּ', רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַאר זַיין זוּן עֶר זָאל פָאלְגְן און אַרַיינְקוּמֶען צוּ די סְעוּדָה. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט די מַעֲשֶׂה פון רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ אַז פון הַיינְט און וַוייטֶער זָאלְסְטוּ אַהֵיים בְּרֶענְגֶען נָאר גֶעסְט וָואס דוּ וֶועסְט קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, גֶעסְט וָואס וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן דַיינֶע חִיזוּקִים", און דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט נָאךְ אַ וָוארְט: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!" פון דֶעם דִיבּוּר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער.

זֶעט מֶען פון דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין די מִצְוָה פון הַכְנָסַת אוֹרְחִים, מִיר זָאלְן אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט, אָבֶּער נָאר גֶעסְט וָואס וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן און זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט די עֵצוֹת און חִיזוּק, נִישְׁט וָואס שְׁטֶערְן אַ שַׁבָּת סְעוּדָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַיין וַוייבּ אִיז גֶעטְשֶׁעפֶּעט גֶעוָוארְן אַלְס מֵיידְל, וָואס טוּט מֶען יֶעצְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס דֶער ראֹש יְשִׁיבָה גֶעבְּט.

אִיךְ ווייס נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן נָאר דִי שִׁיעוּרִים גֶעבְּן מִיר כֹּחַ צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן דֶער ראֹש יְשִׁיבָה, אִיךְ ווייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מַיין ווייבּ הָאט מִיר יֶעצְט דֶערְצֵיילְט אַז זִי אִיז גֶעפַאלְן אַ קָרְבַּן אַלְס מֵיידְל פַאר אִיר זֵיידֶע, עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט אִיר עֲבֵירוֹת, מִיר זֶענֶען שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט לַאנְגֶע יָארְן, עֶרְשְׁט יֶעצְט הָאט זִי מִיר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְלוֹירְן, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ ווֵיינֶען, אִיךְ ווייס מַמָּשׁ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער ראֹש יְשִׁיבָה זָאגְן וָואס צוּ טוּן, וָואס טוּ אִיךְ?

אִיךְ ווייס אֲפִילוּ נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ שְׁרַייבְּן גֶעהֶערִיג דִי שְׁאֵלָה, דֶער ראֹש יְשִׁיבָה זָאל שׁוֹין אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, לֵיידֶער לֵיידֶער הֶער אִיךְ דָאס יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג; אִינְגֶעלַייט ווערְן אוֹיפְגֶעטְרֵייסְלְט ווען יָארְן נָאךְ זֵייעֶר חֲתוּנָה ווֶערְן זֵיי גֶעוָוואר דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵייעֶר ווַייבּ אִין דִי יוּגֶענְט. עֶס ווֶערְט זֵיי פַארְעֶנְטְפֶערְט שְׁוֶוערֶע פְּרַאגֶעס וְכוּ׳, עֶס אִיז שׁוֹין פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ פַארְוָואס זִי ווִיל נִישְׁט לֶעבְּן כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, זִי ווִיל נִישְׁט לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם רַחֲמָנָא לִצְלָן; נָאךְ לַאנְגֶע יָארְן טֶערֶעפִּי, נָאךְ לַאנְגֶע יָארְן גֵיין צוּ ווֶעם נָאר נִישְׁט, וָואס קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין פִּתְרוֹן - ווֶערְט עֶס יֶעצְט פַארְעֶנְטְפֶערְט.

איך ווייס אַז עֶס אִיז דִיר יֶעצְט גֶעפַאלְן אַ בָּאמְבֶּע; דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אַזוֹי פַארְלוֹירְן, דוּ ווייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן. עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; דָאס גֵייט אָן בַּיי אַלֶע אוֹפַנִים, פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן קוּקְן אוֹיף דַיין וַוייבּ מִיט רַחְמָנוּת; קוּק נִישְׁט אוֹיף אִיר אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט גֶעקוּקְט בִּיז אַהֶער, אַז זִי ווִיל נִישְׁט וְכוּ', - וַוייל זִי ווִיל יָא לֶעבְּן, זִי וָואלְט וֶוען גֶעוָואלְט זַיין ווִי אַלֶעמֶען, זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע פְרוֹי אוּן לֶעבְּן וְכוּ', אָבֶּער זִי קֶען נִישְׁט, זִי אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט; אַז מֶען גֵייט אַרִיבֶּער וָואס זִי אִיז אַרִיבֶּער אַלְס קִינְד - קֶען מֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן וְכוּ'. טְרַאכְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי דוּ פְלֶעגְסְט טְרַאכְטְן בִּיז אַהֶער, אַז זִי אִיז נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע פְרוֹי וְכוּ'; וַוייל זִי אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעפַאלְן אַ קָרְבָּן פַאר אִיר זֵיידֶע, זִי אִיז נֶעבֶּעךְ אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת, זִי אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶוער נִישְׁט ווִילְד; דָאס אוּמְרוּאִיגְקֵייט מַאכְט מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל אַז מֶען אִיז אַרַיין אִין אַ צָרָה קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי צָרָה; נָאר דָאס פַארְלוֹירְנְקֵייט אוּן שְׁרֶעק - לָאזְט נִישְׁט טְרֶעפְן דִי וֶועג אַרוֹיס.

מֶען זֶעט אַמָאל אַ קִינְד שְׁטֶעקְט אַרַיין זַיין קָאפּ אָדֶער הַאנְט צְווִישְׁן צְוֵויי אַייזֶענֶעס אוּן עֶס בְּלַייבְּט דָארְט שְׁטֶעקְן, עֶס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס; דָאס קִינְד שְׁרֵייט: "רַאטֶעוֶועט! אִיךְ בִּין שְׁטֶעקְן גֶעבְּלִיבְּן צְווִישְׁן דִי אַייזְן!" ווִי מֶער נֶערְוֶועז אוּן דֶערְשְׁרָאקְן דָאס קִינְד אִיז - אַלְץ שְׁוֶוערֶער אִיז צוּ טְרֶעפְן דִי וֶועג אַרוֹיס; בִּיז עֶס קוּמְט אַ רוּאִיגֶער הַצָּלָה מַאן, עֶר נֶעמְט אַוֶועק דִי שְׁרֶעק, דֶעמָאלְט קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי קָאפּ אָדֶער הַאנְט; וָואס דָאס זָאגְט דָאךְ דֶער שֵׂכֶל, אַז דִי קָאפּ אִיז אַרַיין דַארְף עֶס קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין, אַז דִי הַאנְט אִיז אַרַיין דַארְף עֶס קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין, נָאר וָואס דֶען? ווִיבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט פַארְלוֹירְן, עֶר הֵייבְּט אָן שְׁלֶעפְּן, עֶר הֵייבְּט אָן וֶוערְן אוּמְרוּאִיג - דָאס

מַאכְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי צָרָה.

אִיז יֶעצְט דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן, זִי זָאל צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַ זִיכֶערְקֵייט אִין זִיךְ אַלֵיינְס; וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן אַ מְנִיוָול, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען דֶער מְנִיוָול אִיז אִין דִי מִשְׁפָּחָה; אַ זֵיידֶע, אַ פֶּעטֶער וְכוּ׳ - פַארְלִירְט מֶען דָאס זֶעלְבְּסְטזִיכֶערְקֵייט, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס. דָאס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין זַיין לֶעבְּן, עֶס לָאזְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ גֵיין וַוייטֶער, דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן.

עֶס וֶועט נִישְׁט גֵיין אִין אַ קוּרְצֶע צַייט, עֶס וֶועט נֶעמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט; אוֹיפְבּוֹיעֶן נֶעמְט לַאנְגֶע יָארְן, זִיכֶער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בְּמֶשֶׁךְ לַאנְגֶע יָארְן צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשָׁאסְן, אִיז זִיכֶער אַז דָאס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אָבֶּער מִיט סַבְלָנוּת קוּמְט מֶען אָן. דוּ זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאלְסְט אִיר שְׁטֶענְדִיג הֵייבְּן, וֶועט זִי אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי פְּלָאנְטֶער, זִי וֶועט וֶוערְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן דִי עֵצָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; רֶעדְן צוּ אִים אִין דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט מִיט אַ גוּטֶער פְּרַיינְט. זוּךְ דִיר אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אַ ווִינְקְל; דָארְט זָאלְסְטוּ גֵיין טָאג נָאךְ טָאג, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ, דֶערְצֵייל אִים דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג פוּן דַיין וַוייבּ, וִוי זִי אִיז נֶעבֶּעךְ גֶע׳הַרְגְ׳עֶט גֶעוָוארְן דוּרְךְ אִיר זֵיידֶע דֶער מְנִיוָול רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן יֶעצְט קֶען זִי נִישְׁט לֶעבְּן וְכוּ׳, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי צֶעבְּרָאכְן זִי אִיז אוּן וִוי פַארְלוֹירְן דוּ בִּיסְט, וֵויין צוּ אִים, נָאר דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן; נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִיר זִי זָאל קֶענֶען פַארְגֶעסְן אִיר עָבַר, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן חָכְמָה, בִּינָה אוּן דַעַת דוּ זָאלְסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי אִיר צוּ הֵיילְן, וִוי אַזוֹי אִיר צוּ הֵייבְּן, וִוי אַזוֹי אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן.

תְּפִלָּה אִיז דֶער לֶעזוּנְג פַאר יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם, תְּפִלָּה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע גֶעוֶוער; נִישְׁטָא אַ זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען פּוֹעֵל׳ן מִיט תְּפִלָּה. תְּפִלָּה לֵייזְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן גָלוּת, עֶס לֵייזְט אִים אוֹיס פוּן

אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. מִיט תְּפִלָּה וֶועט מָשִׁיחַ אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט; עֶר וֶועט נִישְׁט שִׁיסְן קַיין פּוּלְוֶוער, עֶר וֶועט נִישְׁט מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט קַיין בָּאמְבֶּעס, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה", אוּן מִיט דֶעם נֶעמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַיין דִי וֶועלְט.

רֶעד נִישְׁט פוּן דִי מַעֲשֶׂה מִיט קֵיינֶעם; דֶער זֵיידֶע לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט, וָואס וֶועסְטוּ אוֹיפְטוּן אַז דוּ וֶועסְט אַרוּם גֵיין רֶעדְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה? דוּ וֶועסְט נָאר פַּארְשֶׁעמֶען דַיין וַוייבּ, אַלֶע וֶועלְן רֶעדְן אוּנְטֶער אִיר רוּקְן. טוּ וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו, בּוֹי אִיר אוֹיף, רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אִיר פַּארְשְׁטֵיין; אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְטְרַאכְטְן אִיר צַעַר, אִיר וֵוייטָאג - וֶועסְטוּ דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, עֶס וֶועט דִיר מֶער וֵויי טוּן אִיר צַעַר ווִי דַיין צַעַר וְכוּ׳; דֶעמָאלְט וֶוען זִי וֶועט שְׁפִּירְן ווִי דוּ מֵיינְסְט אִיר, דוּ שׁוֹינְסְט אִיר, וֶועט זִי צוּבִּיסְלִיךְ וֶוערְן נֶענְטֶער צוּ דִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳.

גֶעדֶענְק, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַאַרְהַאן!" (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עח).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶעג מֶען אָנְטוּן דֶענִים דְזְשִׁינְס קְלֵיידֶער פַאר קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן וֶועגְן דֶענִים דְזְשִׁינְס קְלֵידֶער, אוֹיבּ מֶען מֶעג דָאס אָנְטוּן פַאר בֶּעבִּיס, אוּן וָואס טוּט זִיךְ אִין פַאל וָואס עֶס אִיז נָאר דֶער קָאלִיר פוּן דֶענִים, דְזְשִׁינְס, אוּן נִישְׁט דִי עֶכְטֶע סְחוֹרָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

פַאְרְוָואס דַארְף מֶען אָנְטוּן דִי קְלֵיידֶער? פַאְרְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט אָנְטוּן דִי קִינְדֶער אֵיידְל?!

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דִי שְׁאֵלָה; אִיר ווִילְט ווִיסְן אוֹיבּ מֶען מֶעג עַל פִּי הֲלָכָה? מֶען קֶען זָאגְן אַז עַל פִּי הֲלָכָה אִיז עֶס אֶפְשָׁר נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, דִי שְׁאֵלָה אִיז פַארְוָואס זָאלְן עֶלְטֶערְן ווֶעלְן אָנְטוּן דִי קִינְדֶער ווִי דִי גוֹיִם? ווָאס אִיז דִי תַּאֲוָה אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְקוּקְן ווִי דִי גוֹיִם? עֶפֶּעס מוּז זַיין מִיט דִי עֶלְטֶערְן.

דֶענִים אוּן דְזְשִׁינְס אִיז שַׁיין?! דֶענִים אוּן דְזְשִׁינְס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שַׁיין, שַׁיין אוּן זִיס אִיז ווָאס אִידְן טוּעֶן אָן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה א, כח; מִדְרָשׁ לֶקַח טוֹב שְׁמוֹת ו, ו) אַז דִי אִידְן זֶענֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן אִין מִצְרַיִם בִּזְכוּת ווָאס זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעטוּן אַזוֹי ווִי דִי גוֹיִם, בִּזְכוּת ווָאס זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן נֶעמֶען ווִי דִי גוֹיִם אוּן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט ווִי דִי גוֹיִם.

טוּט אָן אַייעֶרֶע קִינְדֶער פָּשׁוּט, טוּט זֵיי אָן אֵיידְל, טוּט זֵיי אָן אִידִישׁ - ווֶעט אִיר זֶען נַחַת פוּן זֵיי. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פַארְוָואס ווִיל אִיךְ אָנְטוּן מַיינֶע קִינְדֶער מִיט סְטֵיילְס אַזוֹי ווִי דִי גוֹיִם גֵייעֶן? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ווָאס אִיז מִיט מִיר? הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין גוֹיִם אוּן אוֹיף דִי ווָאס פִירְן זִיךְ ווִי דִי גוֹיִם; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין רֵיין. אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן נָאר ווֶעלְן גֵיין ווִי דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן".**

נֶעמְט אַ תְּהִלִּים, זָאגְט אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן; בֶּעטְס פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז אִיךְ פָאר אוֹיף אוּמַאן, וֶועט דָאךְ יֶעדֶער וִויסְן אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעלֶערְנְט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל (חֵלֶק מ"ט, מִכְתָּב ח'תתקצ"ד) שְׁרַייבְּט דָארְט מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, "וְהָעוֹלֶה עַל הַכֹּל זְכוֹר מַאֲמָרָם ז"ל אֵין לְךָ יָפֶה מִן הַצְּנִיעוּת, שֶׁתַּסְתִּיר אֶת כָּל הִתְקַרְבוּתְךָ מִבְּנֵי אָדָם, כְּדֵי שֶׁלֹּא תִּתְעוֹרֵר עָלֶיךָ אֵיזוֹ מַחֲלֹקֶת חַס וְשָׁלוֹם", מֶען זָאל בַּאהַאלְטְן פוּן מֶענְטְשְׁן אַז מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אוֹיב בַּאהַאלְט אִיךְ מַיין הִתְקַרְבוּת פוּן מֶענְטְשְׁן, ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוֹיב פָאר אִיךְ קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער וִויסְן אַז אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה; מֶען קֶען פָארְן צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אָן קַיין רַעַשׁ, אָן קַיין פִּרְסוּם, אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל זִיךְ רֵייצְן מִיט אַנְדֶערֶע וְכוּ'. אַז מֶען רֵייצְט זִיךְ נִישְׁט אַ גַאנְץ יָאר מִיט קֵיינֶעם, מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּהֶצְנֵעַ לֶכֶת, קֵיינֶער חָלוֹם'ט נִיטְאַמָאל אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן - קֶען מֶען פָארְן קַיין אוּמַאן אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל וִויסְן דֶערְפוּן.

אוֹיב וֶועט אֵיינֶער זָאגְן אַז עֶר לֶעבְּט אַ גַאנְץ יָאר בְּהֶצְנֵעַ לֶכֶת אוּן עֶס אִיז אִים נָאכְאַלְץ נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן דָאס פָארְן קַיין אוּמַאן - אַזַא אֵיינֶער זָאל פָארְן אֲפִילוּ עֶס וֶועט וֶוערְן וָואס וֶועט וֶוערְן. דָאס וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק מט, מִכְתָּב ח' תתקצד): "וְהָעוֹלֶה עַל הַכֹּל, זְכוֹר מַאֲמָרָם ז"ל, 'אֵין לְךָ יָפֶה מִן הַצְּנִיעוּת', שֶׁתַּסְתִּיר אֶת כָּל הִתְקַרְבוּתְךָ מִבְּנֵי אָדָם כְּדֵי שֶׁלֹּא תִּתְעוֹרֵר עָלֶיךָ אֵיזוֹ מַחֲלֹקֶת חַס וְשָׁלוֹם", דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בַּאהַאלְטְן פוּן מֶענְטְשְׁן דַיין הִתְקַרְבוּת כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחֲלֹקֶת; אוֹיף דִיר מֵיינְט נִישְׁט

מוֹהֲרָא"ש מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן, וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס זָאל זַיין אַ מְנִיעָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תח): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה, שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְּקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", עֶס אִיז מִיר אַ ווּאוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז, אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר".

הָעִקָּר זָאלְסְטוּ נִישְׁט טַעֲנָה'עֶן מִיט קֵיינֶעם; פְּרוּבִּיר ווִי מֶער אוֹיסְצוּמַיידְן מַחֲלֹקֶת אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בִּיז מַיין שִׁידּוּךְ קוּמְט אָן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוֹין 23 יָאר בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אַז אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ נִישְׁט קַיין חָתָן גֶעוָוארְן.

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאבּ דָארְט אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז אִיךְ וֶועל זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף אוֹיסְוַוארְטְן אוּן הָאבְּן גֶעדוּלְד וַוייל אַ בְּרָכָה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט מְקוּיָּם צוּם סוֹף, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג, וָואךְ, אוּן חוֹדֶשׁ. אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין פְּלֶענֶער וַוייל אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ וֶוערְן אַ חָתָן בְּקָרוֹב, אוּן וֶוען אִיךְ זֶע אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג, אַ וָואךְ אוּן אַ חוֹדֶשׁ, טְרַאכְט אִיךְ וָואס פַאר אַ טִיפֵּשׁ אִיךְ בִּין גֶעוֶוען, אִיךְ וָואלְט עֶס וֶוען יָא גֶעקֶענְט מַאכְן. אוּן אַזוֹי גֵיי אִיךְ אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעַם צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן, אִיךְ דַאוֶונְען אוּן אִיךְ לֶערְן אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ הֶערְן אַז נָאךְ אֵיינֶער אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען יֶענֶער אִיז נָאךְ יוּנְגֶער פוּן מִיר.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ב׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פוּן וָואס פַאר אַ פְּלֶענֶער רֶעדְסְטוּ? וָואס וָואלְסְטוּ גֶעקֶענְט מַאכְן?! דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען דַארְף מֶען סֵיי אַלְס בָּחוּר, אַלְס חָתָן אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דֶערִיבֶּער פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט וָואס פַאר אַ פְּלֶענֶער וֶועט צֶעשְׁטֶערְט וֶוערְן אוֹיבּ דוּ וֶוערְסְט אַ חָתָן.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, דוּ הָאסְט מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ, דוּ

ווילְסְט שׁוֹין זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיין; דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אִיז זָאלְסְט דָאס זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי וֶוערְטֶער וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אִינֶעם בְּרִיוו - זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר שׁוֹין בְּרֶענְגֶען דַיין שִׁידוּךְ, שְׁמוּעֶס מִיט אִים אִין דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, רֶעד צוּ אִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט; דָאס אַלֵיינְס, דָאס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת. וַוייל דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן גֶעבְּט כֹּחַ צוּ וַוארְטְן בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט.

בִּיז דֶערְוַוייל, ווִילַאנְג דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם. טֵייל עֶס אַיין לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען צְוֵויי מָאל דִי חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל דִי תַּרְגוּם אוּן רַשִׁ"י בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סוֹף וָואךְ, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן וָואךְ נָאךְ וָואךְ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, זֶע צוּ לֶערְנֶען ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת אִיז מְתַקֵּן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְּמָרָא אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה. דָאס דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַלְס קִינְד, אַלְס בָּחוּר, אַלְס חָתָן אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה. מַאךְ זִיךְ פְּלֶענֶער ווִיפִיל צוּ לֶערְנֶען, דָאס וֶועט נִישְׁט צֶעשְׁטֶערְט וֶוערְן אַז דוּ וֶוערְסְט אַ חָתָן אָדֶער אַז דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט קַיין חָתָן.

אִיךְ בֶּעט דִיר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ; אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אַז דוּ וֶוערְסְט נִכְשָׁל אִין עֲבֵירוֹת, דוּ בִּיסְט פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן מְיוּאָשׁ, נָאר זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן; זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד"; וֵויין צוּ אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין; וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת?!"

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דַיין יְשׁוּעָה אִיז שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט; דוּ וֶועסְט הָאבְּן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב מַמָּשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ תְּפִלָּה אָן טְרֶערְן, וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גֵיי יֶעדְן טָאג מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, וֶוען אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט קַיין אֱמֶת'דִיגֶע גֶעפִיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס קוּמְט מִיר נִישְׁט קַיין טְרֶערְן בַּיים רֶעדְן - שְׁפִּיר אִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין רִיכְטִיגֶע הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען מַיין תְּפִלָּה, אִיז דָאס רִיכְטִיג?

עֶס מַאכְט זִיךְ צוּמָאל אַז אִיךְ הָאבּ אַן אֱמֶתְ'עֶ הִתְעוֹרְרוּת, אִיךְ הֵייבּ אָן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַסַאךְ מָאל קוּם אִיךְ נִישְׁט אָן צוּ דֶעם. וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַוַודַאי אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז מֶען זָאל זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען בִּשְׁעַת מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט 'וֶוען גֵיי אִיךְ וֵויינֶען?' דָאס אִיז נִישְׁט גוּט.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צה) **: "שֶׁכְּשֶׁהָאָדָם אוֹמֵר תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת וְחוֹשֵׁב בְּלִבּוֹ וּמְצַפֶּה שֶׁיִּבְכֶּה, זֹאת הַמַּחֲשָׁבָה אֵינָהּ טוֹבָה", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ צוּ טְרַאכְטְן וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען גֵייט שׁוֹין קֶענֶען וֵויינֶען. "וְהִיא מְבַלְבֶּלֶת גַּם כֵּן אֶת דַּעְתּוֹ", אוֹיךְ טוּט דָאס שְׁטֶערְן דָאס הִתְבּוֹדְדוּת, "כִּי מֵחֲמַת זֶה אֵינוֹ יָכוֹל לוֹמַר הַבַּקָּשׁוֹת בְּלֵב שָׁלֵם בִּשְׁלֵמוּת", מֶען קֶען נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען בֶּעט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, "כִּי צְרִיכִין בִּשְׁעַת אֲמִירַת תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת לְהַרְחִיק**

מֵעַצְמוֹ כָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת חוּץ שֶׁבָּעוֹלָם רַק לְכַוֵּן דַּעְתּוֹ אֶל הַדִּבּוּרִים, שֶׁהוּא מְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, וְאָז מִמֵּילָא בְּקַל יִתְעוֹרֵר לִבּוֹ עַד שֶׁיָּבוֹא לִבְכִיָּה גְּדוֹלָה בֶּאֱמֶת", ווייל ווען מען רעדט צום אייבערשטן דארף מען לייגן אלע אנדערע מחשבות אין דער זייט און נאר אינזין האבן די טייטש פון די ווערטער וואס מען בעט, אזוי ווי מען רעדט צו א גוטער פריינט. דאס אליינס, אז מען לייגט צו מח מחשבה צו וואס מען בעט - דאס מאכט מען זאל קענען וויינען, "אֲבָל כְּשֶׁחוֹשֵׁב וּמְצַפֶּה עַל זֶה שֶׁיִּבְכֶּה אֲזַי זֶה וָזֶה אֵינוֹ עוֹלֶה בְּיָדוֹ", אבער אויב מען שטייט און מען ווארט 'ווען גיי איך קענען וויינען?' פארלירט מען ביידע זאכן, "כִּי הָאֲמִירָה בְּעַצְמָהּ נִתְבַּלְבְּלָה עַל יְדֵי זֶה, כִּי זֶה שֶׁחוֹשֵׁב וּמְצַפֶּה שֶׁיִּבְכֶּה הוּא גַּם כֵּן בְּחִינַת מַחֲשָׁבָה זָרָה שֶׁמְּבַלְבֶּלֶת, הַכַּוָּנָה שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִשְׁמֹעַ הֵיטֵב מַה שֶּׁהוּא מְדַבֵּר עַל יְדֵי זֶה", די התבודדות, דאס בעטן - ווערט געשטערט, ווייל ער האט נישט אינזין וואס ער זאגט און ער בעט; די מחשבה פון ווארטן 'ווען גיי איך קענען וויינען?' דאס איז אויך א מחשבה זרה, "כִּי הָעִקָּר לְדַבֵּר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּלִי שׁוּם מַחֲשָׁבוֹת אֲחֵרוֹת כְּלָל", ווייל דער עיקר איז בעטן דעם אייבערשטן, צולייגן קאפ צו די ווערטער וואס מען בעט, "וְאִם יִזְכֶּה לִבְכִיָּה בֶּאֱמֶת מַה טּוֹב, וְאִם לָאו לָאו, וְלֹא יְבַלְבֵּל אֲמִירָתוֹ בִּשְׁבִיל זֶה", אז מען איז זוכה צו וויינען איז גוט, און אז נישט איז ווייטער גוט.

זיי ממשיך מיט די הייליגע עבודה, זיי שטארק מיט התבודדות; קוק נישט אויב עס קומט מיט געפילן אדער נישט. דערציילט דעם אייבערשטן אלעס וואס גייט אריבער אויף דיר, דערצייל אים ווי שטארק דו ווילסט זיין אן ערליכער איד, דערצייל אים ווי שווער עס גייט דיר, ווי דער יצר הרע לאזט דיר נישט אפ - וועסטו זוכה זיין צו ווערן א גרויסער צדיק.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זַייט מְקַרֵב דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חַבֶרְ׳טֶעס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, מְבָרְכִים מְנַחֵם-אָב, כ״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע גְרוּסְן פוּן מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִים, אִיר הָאט שׁוֹין מְסַיֵים גֶעוֶועְן פִינְף אוּן זֶעכְצִיג מָאל סֵפֶר תְּהִלִים.

זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט אַייעֶרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, רֶעדְט שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, זַייט מְקַרֵב דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חַבֶרְ׳טֶעס, גֶעבְּט יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע וֶוערְטֶער.

וְעַל כּוּלָם, אִיר זָאלְט גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד, דַאנְקֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### איך הער בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן פוּן קֶעמְפּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אַלֶע בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת שֶׁתִּחְיוּ**

איך הער בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן פוּן קֶעמְפּ, אִיךְ בַּאקוּם בְּרִיוו פוּן מֵיידְלֶעךְ, זֵיי שְׁרַייבְּן פוּן דִי גְרוֹיסֶע אַחְדוּת וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן אַייךְ, מֶען אִיז מְקָרֵב יֶעדְן אֵיינֶעם; דָאס דֶערְפְרֵיידְט מִיר זֵייעֶר, דָאס מַאכְט אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר אַלֶע צַדִיקִים.

איך הָאף אַז אִיר פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי טִיטְשֶׁערְס אוּן צוּ דִי קַאוּנְסְלֶערְס. עֶס אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג צוּ רוּפְן דִי קַאוּנְסְלֶערְס "מָרַת ...", נִישְׁט בַּיי זֵייעֶר עֶרְשְׁטֶע נָאמֶען. חַבֶר'טֶעס רוּפְן זִיךְ בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע נֶעמֶען, אָבֶער אַ טִיטְשֶׁער אָדֶער אַן עֶלְטֶערֶער מֶענְטְשׁ דַארְף מֶען רוּפְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ עֶנְק אִיר זָאלְט רֶעדְן נָאר אֵיידֶעלֶע זַאכְן; רֶעדְט נִישְׁט צְווִישְׁן זִיךְ פוּן זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט פַאר אַייךְ, רֶעדְט נִישְׁט פוּן זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט אֵיידְל, רֶעדְט נָאר גוּטֶע זַאכְן.

הֶעלְפְט רֵיינִיגְן דִי קֶעמְפּ; פוּן דִי גַאנְצֶע זוּמֶער וֶועט נָאר דָאס בְּלַייבְּן פַאר'ן לֶעבְּן. פוּן דִי אַלֶע שְׁפִּילֶערֵייעֶן וֶועט נָאר בְּלַייבְּן דָאס וָואס אִיר זֶענְט מְוַותֵּר פַאר אַנְדֶערֶע אוּן דָאס וָואס אִיר הֶעלְפְט דִי קֶעמְפּ.

פָאלְגְט אַייעֶר מְנַהֶלֶת מָרַת ... תִּחְיֶ'; הֶערְט וָואס זִי לֶערְנְט אַייךְ. וֶוער עֶס ווִיל מִיר פָאלְגְן זָאל פָאלְגְן דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ', זִי אִיז פַאר אַייךְ אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל, זִיךְ ווִיל נָאר עֶנְקֶער גוּטְס.

...

### אוּנְזֶער תִּיקוּן אִיז צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

איך פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט בְּדֵעָה צוּ קוּמֶען וואוֹינֶען דָא אִין

שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

דִי צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער וָואס דוּ הָאסְט הַיינְט גֶעגֶעבְּן צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַ דִירָה אִין שְׁטֶעטְל הָאט מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אַזֶעלְכֶע מִשְׁפָּחוֹת וִוי דִיר פְּלַאנֶען צוּ קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל.

דוּ הָאסְט אַ גְרוֹיסֶער חֵלֶק אִין דִי הֲפָצָה וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶער קְהִלָּה מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט אַזוֹי גֶעטְרֵיי דִי יְשִׁיבָה דִי אַלֶע יָארְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן וַוייטֶער קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; דָאס וֶועט זַיין אוּנְזֶער תִּיקוּן, דָאס וֶועט מְתַקֵּן זַיין אוּנְזֶער נֶפֶשׁ, רוּחַ אוּן נְשָׁמָה, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

גֶעב אִיבֶּער אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דַיין וַוייבּ פַארְ'ן הֶעלְפְן מִיט דִי פְּלֶעי; דִי פְּלֶעי וָואס דִי מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן פָארְשְׁטֶעלְן, דָאס כַאפְּט מֶען אָפּ אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייט מֶען נָאכְדֶעם; דָאס אִיז נָאךְ אַ רִינְגֶעלֶע אִין הֲפָצָה.

...

## מִיטְ'ן הֶעלְפְן, הֶעלְפְּט מֶען זִיךְ אַלֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן שְׁרַייבְּן וָואס טוּט זִיךְ אִין קֶעמְפּ מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא, וִוי שְׁטַארְק אִיר הָאט הֲנָאָה פוּן דִי קִינְדֶער, פוּן דִי לֶערֶערִינְס אוּן קַאוּנְסְלֶערְס. זֵיי מַאכְן יֶעדְן אֵיינֶעם זִיךְ אַזוֹי גוּט שְׁפִּירְן, אַלֶץ גֶעבְּן זֵיי אַזוֹיפִיל גוּטֶע וֶוערְטֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן אִין קֶעמְפּ אָנְגְרֵייטְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת אוּן אוֹיךְ אַרָאפּ רוֹימֶען; דִי אַלֶע וָואס הֶעלְפְן אִין סְקוּל אוּן אִין שְׁטוּב, דִי הֶעלְפְן בֶּאֱמֶת זִיךְ אַלֵיינְס, דִי וֶועלְן קֶענֶען פִירְן אַ שֵׁיינֶע וִוירְטְשַׁאפְט נָאךְ זֵייעֶר חֲתוּנָה.

זֶעט צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקְט אִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר גֶעבְּט אַייךְ, וֶועט אִיר שְׁפִּירְן עֶפֶּעס אַזַא זִיסֶע טַעַם וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר וֶוער עֶס טוּט דָאס נִישְׁט.

וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מֶען וֶוערְט אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע, מֶען וֶוערְט פָּאזֶעטִיוו.

זַייט מְקָרֵב דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס שְׁטֵייעֶן אִין דִי זַייט.

...

**דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ מֶעסְט זִיךְ אִיז זַיין גוּטְן ווילְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס דַארְף אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז אִיר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ פְרֶעגְן, נִישְׁט דוּרְךְ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת וֶוערְט מֶען אַ תַּלְמִידָה. אַז אִיר זֶעט אַז אִיר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ פְרֶעגְן, מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיר זֶענְט וֵוינִיגֶער תַּלְמִידָה פוּן דִי וָואס פְרֶעגְן.

בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן יֶעדְן טָאג גֶעהַאט צוּ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוּן עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אֶפְשָׁר אֵיינְמָאל אַ יָאר אַ שְׁאֵלָה צוּ פְרֶעגְן; נִישְׁט דָאס אִיז קוֹבֵעַ אוֹיבּ מֶען אִיז אַ תַּלְמִידָה אָדֶער נִישְׁט.

ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען גֶערֶעכְנְט אַ תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא? ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען גֶערֶעכְנְט אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד? אַז מֶען ווִיל זַיין גוּט, אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין וואוֹיל, אִיךְ ווִיל טוּן דַיין ווִילְן״; אַזוֹי מֶעסְט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען זֶעט זַיין הַארְץ, זַיין ווִילְן, זַיין בֶּענְקְשַׁאפְט.

אִיר זֶענְט אַ חָשׁוּבְ׳עֶ תַּלְמִידָה, קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, אִיר זֶענְט זֵייעֶר

חָשׁוּב. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדֶעם, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט רֶעדְן גוּטֶע וֶוערְטֶער צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם.

...

**נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פַאר אַ מֵיידְל וִוי הֶעלְפְן דִי מַאמֶע**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן **... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען אִיר וָואלְט גֶעזֶען וָואס טוּט זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל, וִוי פְרֵיילִיךְ אִיר מַאכְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט׳ן הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע - וָואלְט אִיר נִישְׁט גֶעקְרֶעכְצְט, אִיר וָואלְט גֶעהָאלְפְן מִיט אַ שִׂמְחָה אוּן מִיט זְרִיזוּת.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פַאר אַ מֵיידְל - וִוי כִּיבּוּד אָב וָאֵם; הֶעלְפְן דִי מַאמֶע מִיט וָואס זִי דַארְף.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**הֲפָצָה טָאר נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ׳ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֲפָצָה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אָבֶּער עֶס קֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ׳ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ; אַז דַיין וַוייבּ וִויל דוּ זָאלְסְט זַיין אִין שְׁטוּבּ לֵיל שִׁשִּׁי, אִיר הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת - זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ. אַז זִי וִויל דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן עֶרֶב שַׁבָּת אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם שַׁבָּת; מֶען קֶען גֵיין הֲפָצָה, אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְ׳ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ.

יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ - דַארְפְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן

וֶוען דו גֵייסְט הֲפָּצָה און וִויפִיל דו גֵייסְט הֲפָצָה; דו קֶענְסְט נִישְׁט קוקְן אויף די גְרוֹיסֶע מְפִיצִים וָואס גֵייעֶן אַ גַאנְצְן טָאג און אַ גַאנְצֶע נַאכְט הֲפָּצָה, זֵיי הַאלְטְן שְׁפֶּעטֶער אִין לֶעבְן וִוי דו, זֵיי דַארְפְן נִישְׁט זַיין אִין שְׁטוּב עֶרֶב שַׁבָּת, נִישְׁטָא פַאר זֵיי קַיין אַרְבֶּעט, אָבֶער אַז מֶען הָאט קִינְדֶער אִין שְׁטוּב דַארְף מֶען אַהֵיים קוּמֶען צַייטְלִיךְ, מֶען דַארְף נֶעמֶען די קִינְדֶער אִין מִקְוֶה, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְן אויף די קִינְדֶער און אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה און פְרֵייד.

נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ פְּרוֹי און מִיר גֶעפְרֶעגְט בִּיז וִויפִיל אִיז די שִׁיעוּר פון הֲפָצָה? זִי זָאגְט אַז אִיר מַאן גֵייט אַ גַאנְץ לֵיל שִׁישִׁי הֲפָּצָה, פְרַייטָאג גֵייט עֶר אויךְ הֲפָּצָה בִּיז'ן זְמַן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת, און אַ גַאנְץ שַׁבָּת שְׁלָאפְט עֶר; זִי דַארְף אַלֵיינְס מַאכְן די סְעוּדוֹת שַׁבָּת, דֶער מַאן שְׁלָאפְט אַיין בַּיים טִישׁ גְלַייךְ נָאכְן עֶסְן די פִישׁ, זִי דַארְף זִיךְ פָּארֶען מִיט די קִינְדֶער, אַזוֹי גֵייט עֶס אַ גַאנְץ שַׁבָּת; זִי פְרֶעגְט מִיר בִּיז וִויפִיל אִיר מַאן אִיז מְחוּיָּב צוּ גֵיין הֲפָצָה? זִי אִיז גֶעקוּמֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט אִיר מַאן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט וָואס מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, אַז הֲפָּצָה קֶען נִישְׁט גֵיין אויפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פון די קִינְדֶער; הֲפָּצָה אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג און זֵייעֶר טֵייעֶר, אָבֶער חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת אִיז נָאךְ טֵייעֶרֶער, מִיר וֵוייסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת יֶעדֶע נַאכְט, דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים פון די גְרֶעסְטֶע זַאכְן, דָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר לֵייגְט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ פְרִי שְׁלָאפְן וַוייל עֶר וִויל מְחַנֵּךְ זַיין די קִינְדֶער. עֶר פְלֶעגְט זֵיי אָפְּוַוארְטְן פון חֵדֶר כְּדֵי צוּ לֵיינֶען מִיט זֵיי קְרִיאַת שְׁמַע און זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת.

גֵיי הֲפָּצָה; לָאז נִישְׁט אָפּ די הֲפָּצָה, אָבֶער אַז דַיין וַוייבּ דַארְף דִיר אִין שְׁטוּבּ אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת - זָאלְסְטוּ אַלֶעס לֵייגְן אִין דֶער זַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ שִׁידוּךְ קוּמְט אָן פְּלוּצְלִינְג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט נִישְׁט בַּאזָארְגְט, נָאךְ אַבִּיסְל זֶענְט אִיר אַ כַּלָּה, נָאךְ אַפָּאר תְּפִילּוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַבִּיסְל תּוֹדָה וְהוֹדָאָה פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז - אוּן אִיר זֶענְט אַ כַּלָּה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ב.): ״קָשָׁה זִוּוּגוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף״, אַ שִׁידוּךְ אִיז אַזוֹי וִוי קְרִיעַת יַם סוּף; מֶען זֶעט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן וואו, וֶוען, וִוי אַזוֹי אוּן פְּלוּצְלוּנְג גֶעבְּט דֶער צַדִּיק אַ שְׁפַּאלְט דֶעם יַם אוּן מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן אַלֶע צָרוֹת. אַזוֹי אִיז אַ שִׁידוּךְ, מֶען זֶעט נִישְׁט, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט, בִּיז פְּלוּצְלוּנְג: ״מַזָל טוֹב, כַּלָּה!״

...

## נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אַז דִי וַוייבּ אִיז מַסְכִּים עֶר זָאל פָארְן קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין וַוייבּ אִיז מַסְכִּים דוּ זָאלְסְט פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וָואס נָאךְ דַארְפְסְטוּ?! אַז דַיין וַוייבּ אִיז מִיט דִיר - בִּיסְטוּ דָאךְ אַ גְלִיקְלִיכֶער, מֶער פוּן דֶעם דַארְפְסְטוּ נִישְׁט.

פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן פַאר דַיין וַוייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן מַמָּשׁ פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה; וֶועסְט זֵיי זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט: ״טַאטֶע מַאמֶע, אִיךְ פָאר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר עֶנְק אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה״, יֶעצְט פֶעלְט נָאכְנִישְׁט אוֹיס דָאס אַיינְצוּמֶעלְדְן.

פוּן יֶעצְט בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז נָאךְ דָא אַסַאךְ צֵייט; דַאנְק דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דו גְרֵייטְסְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אַז דַיין וַוייבּ אִיז מִיט דִיר, זִי אִיז נִישְׁט קַיין מִתְנַגֶּדֶת. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין צַעַר פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן פַאר אִירֶע עֶלְטֶערְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין מְקוּרָב צוּם צַדִּיק.

דָאס אַז דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר זָאלְסְט גֵיין צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אִיז בִּכְלַל נִישְׁט פָּשׁוּט, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע נֵס, נִישְׁט אַלֶע זֶענֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם; זֵייעֶר אַסַאךְ פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים ווילְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דִי וַוייבּ שְׁטֶעלְט זִיךְ אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט נִישְׁט צוּ לָאזְן דֶעם מַאן קוּמֶען. אַז זִי לָאזְט דִיר גֵיין צוּם רֶבִּי'ן זָאלְסְטוּ אִיר קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נָאךְ חֲצוֹת טָאר מֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין שְׁאֵלָה? נָאךְ חֲצוֹת טָאר מֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען קַיין שַׁחֲרִית - ווילְסְטוּ מַאכְן אַ מִנְיָן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קֶעגְן דִי הֲלָכָה?! בְּשׁוּם אֵין פָּנִים וְאוֹפָן, אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים אַז בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה זָאל מֶען מַאכְן אַ מִנְיָן נָאךְ חֲצוֹת, גֵיין קֶעגְן דִי הֲלָכָה.

אַ חֶרְפָּה אוּן בּוּשָׁה, מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ אוּן מֶען פְרֵייְדְט זִיךְ, מֶען הָאט צַייט צוּ דַאוֶוענֶען פַאר חֲצוֹת, מִיט דֶעם אַלֶעם דְרֵייְדְט מֶען זִיךְ אַרוּם, מֶען רֵייכֶערְט צוּגֶרֶעטְלֶעךְ, מֶען אִיז מְבַטֵּל דִי מִצְוָה פוּן דַאוֶוענֶען.

בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל קֶען מֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען נָאךְ חֲצוֹת.

...

### מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיסוּר יִחוּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיסוּר יִחוּד בַּיי אַ פֶּעטֶער מִיט אַ נִיס אִיז גָארְנִישְׁט אַנְדֶערְשׁ וִוי בַּיי אַ פְרֶעמְדֶע; דוּ טָארְסְט נִישְׁט זַיין מִיט דַיין נִיס אַלֵיין. פוּן דִי דְרֵיי יָאר הֵייבְּט זִיךְ אָן אִיסוּר יִחוּד, מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט, מֶען כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט, מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי קִינְדֶער בַּיי בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער; מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף אִיסוּר יִחוּד.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַ נֶעפְיוּ מִיט אַ מוּמֶע אִיז אוֹיךְ דָא אִיסוּר יִחוּד; פוּן דִי נַיין יָאר טָאר מֶען נִישְׁט זַיין מִיט אַ מוּמֶע אַלֵיין אִין אַ הוֹיז, הֲגַם עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אִיסוּר יִחוּד בַּיי אַ נֶעפְיוּ מִיט אַ מוּמֶע (עַיֵּין רַבֵּינוּ יְרוּחָם נְתִיב כ״ג חֵלֶק א׳, קצב-א׳; וְעוֹד), אָבֶּער מִיר זֶענֶען נִישְׁט מֵקִיל נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער שְׁעַת הַדְּחַק אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ הֶיתֵּר פוּן אַ רָב.

גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף אִיסוּר יִחוּד, לוֹיט רוֹב פּוֹסְקִים אִיז אִיסוּר יִחוּד אַן אִיסוּר דְאוֹרַיְיתָא (טוּר אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן כב, וְעוֹד רִאשׁוֹנִים); מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי הַארְבּ דָאס אִיז.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁרֶעק פוּן אַ מַעֲשֶׂה (קוּנְטְרֵס שְׁבִיבֵי לֵב לְהָרַב הַגָּאוֹן רַבִּי אֵלִיָּהוּ לַאפְּיַאן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוֹת קכד) וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִי טָאכְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי יַעֲקֹב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, דֶער רָב פוּן שְׁטָאט לִיסָא, דֶער מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר נְתִיבוֹת הַמִּשְׁפָּט. נָאךְ זַיין פְּטִירָה הָאט זַיין וַוייבּ דִי אַלְמָנָה גֶעדַארְפְט אַיינְרִישְׁן זַיין טָאכְטֶער צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן, זִי אִיז גֶעפָארְן מִיט אַ גוֹי אַיינְקוֹיפְן אַלֶעס פַאר דִי טָאכְטֶערְ׳ס חֲתוּנָה, דֶער גוֹי דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט זִיךְ בַּארֶעכְנְט אִינְמִיטְן וֶועג אַז עֶר גֵייט זֵיי אוֹיסְנַארְן, עֶר הָאט זֵיי גֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אַהֵיים, דִי מַאמֶע מִיט דִי כַּלָּה זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם גוֹי אִין שְׁטוּבּ, דֶער גוֹי הָאט גֶערוּפְן זַיינֶע חֲבֵרִים, זֵיי הָאבְּן צוּגֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דִי מַאמֶע אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט פַארְבְּרֶענֶען דִי מַאמֶע מִיט דִי כַּלָּה. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעצִינְדְן דִי אוֹיוְון אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעוָואלְט אַרַיינְוַוארְפְן דִי מַאמֶע מִיט

דִי כַּלָה אִין אוֹיְוון, פְּלוּצְלוּנְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט אַ דֵייטְשֶׁער אָפִיצִיר אוּן דִי רוֹצְחִים זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, דֶער אָפִיצִיר הָאט אוֹיפְגֶעבִּינְדְן דִי מַאמֶע מִיט דִי כַּלָה, זֵיי צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי גֶעלְט אוּן זֵיי אַהֵיים גֶעטְרָאגְן.

בַּיינַאכְט חָלוֹמְ'ט זִיךְ דִי כַּלָה ווִי אִיר טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק קוּמְט אִיר אִין חָלוֹם אוּן זָאגְט אִיר: "וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְווִיסְט אַז אִיר זֶענְט אִין אַ צָרָה בִּין אִיךְ אַרוֹיף אִין זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ אִין הִימְל, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף עֶנְק, הָאט מֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף עֶנְק וַוייל אִיר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אִיסוּר יִחוּד מִיט דֶעם גוֹי, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף עֶנְק בִּזְכוּת דִי תּוֹרָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט, בִּזְכוּת דֶער סֵפֶר נְתִיבוֹת הַמִּשְׁפָּט וָואס אִיךְ הָאבּ מְחַבֵּר גֶעוֶוען, הָאט מֶען עֶנְק בַּאפְרֵייט; גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם, אִיר זָאלְט נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין אִיסוּר יִחוּד". דִי כַּלָה הָאט דָאס פַארְצֵיילְט פַאר דִי רָאשֵׁי קְהִילָה אוּן זֵיי הָאבְּן דָאס פַארְשְׁרִיבְּן, מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען דִי מַעֲשֶׂה, כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דֶעם אִיסוּר.

בְּנוֹגֵעַ דָאס וָואס דִי מַלְכוּת הָרִשְׁעָה שְׁלֶעפְּט דִיר צוּ קוּמֶען בַּיי זֵייעֶר טְרֵיפָה'נֶע מִילִיטֶער; נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד; וְעַיֵּין לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד' אוֹת ה): "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל וַאֲפִילוּ בְּמִלֵּי דִשְׁטוּתָא", מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ נָאר אַז מֶען מַאכְט זִיךְ נַארִישׁ, דוּרְךְ מִילְתָא דִשְׁטוּתָא; אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ וֶועסְט זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן - וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן זֵייעֶר טְרֵיפָה'נֶע מִילִיטֶער, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וְדַי לַמֵּבִין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן פוּן בְּרֶסְלֶב אִינֶעם מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס דַארְף דַיין טָאכְטֶער זָאגְן אַז זִי הֶערְט דִי הַאטְלֵיין? וָואס פֶּעלְט אוֹיס זִי זָאל דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע, וָואס דַארְף זִי דֶערְצֵיילְן פַאר דִי חַבֶר׳טֶעס פוּן בְּרֶסְלֶב?!

פַארְ׳ן מוֹסָד גֵייט נִישְׁט אָן אַז דַיינֶע קִינְדֶער הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶעבְּן פוּן רֶבִּי׳ן, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין דֶעם אוּן זֵיי ווִילְן נִישְׁט הָאבְּן מִיט דֶעם, זֵיי ווִילְן אָבֶּער נִישְׁט אַז עֶס זָאל ווֶערְן אַ גֶערוּדֶער בַּיי זֵיי, ווֶען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט בְּרֶסְלֶב ווֶעלְן אַהֵיים קוּמֶען אוּן זָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַז זֵיי דַארְפְן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ שִׁידוּכִים.

גֵיי דוּ אַרִיבֶּער צוּ דִי הַנְהָלָה, זָאג זֵיי אַז דַיינֶע קִינְדֶער ווֶעלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע פוּן רֶבִּי׳ן, זֵיי ווֶעלְן פָאלְגְן דִי לֶערֶערִינְס, זֵיי ווֶעלְן מִיט הַאלְטְן דִי שִׁיעוּרִים, ווֶעסְטוּ זֶען אַז זֵיי ווֶעלְן דִיר נִישְׁט מַאכְן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען. לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן מִיט אַנְדֶערֶע, נִישְׁט רֶעדְן פוּן בְּרֶסְלֶב, אַזוֹי ווֶעסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת טָאהשׁ קַאנַאדֶע**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר ווִילְט קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב. אַז אִיר ווִילְט דִינְגֶען אַ דִירָה דַארְפְט אִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט פַאר

די קְהִילָה, נָאר וֶוען מֶען וויל קוֹיפְן אַ דִירָה דֶעמָאלְט דַארְף מֶען גֶעבְן צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר די קְהִילָה.

אַז דוּ ווילְסְט בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן קוֹיפְן אַ דִירָה אִין שְׁטֶעטְל קֶענְסְטוּ גֶעבְן פוּן פָּאַרְאוֹיס דֶעם סְכוּם צוּבִּיסְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ גוּט וָוארְט קֶען רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ב׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳

גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה; וֶוען מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם אַ גוּט וָוארְט - גֶעבְּט מֶען יֶענֶעם מַמָּשׁ לֶעבְּן. אַמָאל קֶען אַ גוּט וָוארְט רַאטֶעוֶוען יֶענֶעם, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים, קֵיינֶער וֵוייסְט דָאס נִישְׁט, זֵיי ווילְן נָאר אַנְטְלוֹיפְן הַשֵּׁם יְרַחֵם, אוּן מִיט אֵיין גוּט וָוארְט רַאטֶעוֶועט מֶען יֶענֶעם.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק צוּ גֶעבְן פַאלְשֶׁע גוּטֶע וֶוערְטֶער, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם וֶוען מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם אַ קָאמְפְּלִימֶענְט אוּן דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; מֶען דַארְף גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיז וָואר. אַז מֶען וֶועט גוּט אַרֵיינְקוּקְן, מֶען וֶועט זוּכְן אַ גוּטֶע זַאךְ אִין יֶענֶעם - וֶועט מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן גוּטֶע זַאכְן וָואס זֶענֶען אֱמֶת מִיט וָואס יֶענֶעם צוּ מְחַיֶ׳ זַיין.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## ערליכע חברים

אַ גוּטְן טָאג קִינְדֶער'לֶעךְ, מֶען גֵייט יֶעצְט דֶערְצֵיילְן דִי "קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"; אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּם טִישׁ, אַלֶע וַוארְטְן שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיט דוֹרְשְׁט, וֶוען גֵייט טַאטִי אוּן מַאמִי דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

דֶער טַאטֶע הֵייבְּט אָן לֵיינֶען דִי "קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"; עֶר וֶוערְט זֵייעֶר עֶרְנְסְט, עֶר זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: "דִי וָואךְ דַארְפְט אִיר זִיךְ גוּט צוּהֶערְן, עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס מֶען קֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ".

דֶער טַאטֶע פְרֶעגְט: "קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט וָואס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ?" דִי קִינְדֶער וִוילְן הֶערְן וָואס, פוּן וָואס דַארְפְן מִיר זִיךְ הִיטְן? וָואס קֶען אוּנְז לֵייגְן אִין אַ סַכָּנָה? דֶער טַאטֶע זָאגְט: "אֵיידֶער אִיךְ וֶועל אַייךְ עֶנְטְפֶערְן דִי עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶע, וִויל אִיךְ אַייךְ פְרֶעגְן נָאךְ אַ פְרַאגֶע, וֶוער וֵוייסְט וִויפִיל יָאר אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט?" אוּן דֶער טַאטֶע הֵייבְּט אָן דֶערְצֵיילְן:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען

אַ קִינְד פוּן דְרַייצְן יָאר, עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְג, בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה; גְלַייךְ נָאךְ זַיין בַּר מִצְוָה אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ חָתָן אוּן אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעוֶוען דִי חֲתוּנָה, דִי כַּלָּה אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶּקֶת, זִי הָאט גֶעהֵייסְן סָאשְׁיֶא, אַ טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי אֶפְרַיִם פוּן שְׁטָאט זַאסְלַאב.

וִויבַּאלְד דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּ אַ נֵייעֶ שְׁטָאט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט וִויסְן וֶוער פוּן דִי קִינְדֶער פוּן אוּסְיַאטִין זֶענֶען גוּטֶע קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן זִיךְ חַבֶר׳ן מִיט קִינְדֶער וָואס טוּעֶן עֲבֵירוֹת, וַוייל אוֹיבּ מֶען חַבֶר׳ט זִיךְ מִיט קִינְדֶער וָואס רֶעדְן מִיאוּס׳עֶ וֶוערְטֶער, קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן מִיט גֶע שְׁלֶעפְּט מִיט זֵיי, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא קִינְדֶער וָואס זֵיי בַּאהַאלְטְן זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי כַאפְּן זִיךְ אָן דָארְט וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט (דֶער טַאטֶע זָאל גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר דִי קִינְדֶער וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט), זֵיי מֵיינֶען מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז עֶס אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי קִינְדֶער פוּן דִי שְׁטָאט אוּסְיַאטִין, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזוּכְט צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער וֶוער עֶס אִיז עֶרְלִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ קִינְד מִיט׳ן נָאמֶען שִׁמְעוֹן, דֶער רֶבִּי לוֹיפְט צוּ אִים אוּן מַאכְט זִיךְ כְּאִילוּ עֶר וִויל נִישְׁט זַיין עֶרְלִיךְ, עֶכְט אִיז דֶער רֶבִּי שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֶען אוֹיבּ שִׁמְעוֹן וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אוֹיבּ שִׁמְעוֹן וִויל זַיין גוּט; הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר וִויל נִישְׁט זַיין גוּט. דֶער אִינְגְל שִׁמְעוֹן פוּן אוּסְיַאטִין הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ,

עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען וִוי עֶר מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ? דוּ ווִילְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַלֶע טוּעֶן?" רוּפְט זִיךְ אָן שִׁמְעוֹן: "אִיךְ בִּין אַ תַּם, אִיךְ הָאבּ לִיבּ תְּמִימוּת", דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס זֶעט אוֹיס וִוי מִיר וֶועלְן זַיין נָאנְטֶע חֲבֵרִים". דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶערוּפְן אִין אַ זַייט אוּן אִים אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת, אַז עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט אוֹיסְפְּרוּבִּירְן זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען פּוֹגֵם אוּן טוּעֶן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן.




"לָאמִיר אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"

דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען זַיין נֵייעֶר עֶרְלִיכֶער חַבֵר שִׁמְעוֹן אוּן אַרוֹיס מִיט אִים אִין פֶעלְד, עֶר הָאט דָארְט מִיט אִים גֶערֶעדְט וִוי גוּט עֶס אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וִוי נַארִישׁ דִי וֶועלְט אִיז, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ דָאךְ הַיינְט חֲתוּנָה, דַארְף אִיךְ זִיכֶער אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״; שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ גוּט צוּגֶעהֶערְט צוּ זַיין נֵייעֶר חַבֵר - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ אַ חַבֵר נֶעמְט דִיר אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן עֶר ווִיל דִיר אָנְכַאפְּן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ אַוֶועק לוֹיפְן פוּן אִים! אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל דִיר אָנְרִירְן בַּיים אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן: ״גִיוַואלְד!!!״ ״רַאטֶעוֶועט!!!״ זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן, וַוייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ לָאזְן וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער.

נֶעם אַ גוּטֶער חַבֵר מִיט וֶועם צוּ שְׁפִּילְן, לוֹיפְן, טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען. קִינְדֶער וָואס רֶעדְן אֵיידְל, מִיט זֵיי דַארְף מֶען זִיךְ חַבֵרְ׳ן; דֶעמָאלְט וֶועט אִיר אַלֶע אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.